**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/23/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**סטעיטמענט פון גאווערנער קעטי האוקול נאכפאלגנדיג זיצונג מיט מעיארס פון ניו יארק׳ס גרעסטע שטעט אויף איבער העכסטער געריכט׳ס אנטשיידונג איבער טראגן באהאלטענער רעוואלווער**

***בילדער פון זיצונג געפונען זיך [דא]()***

״אויף די שפורן פון דעם העכסטער געריכט׳ס צעווילדעוועטע און געמיינע באשלוס אויף *NYSRPA וו. ברוען*, האב איך צוזאמגעברענגט די מעיארס פון ניו יארק׳ס זעקס גרעסטע שטעט — אלבאני, באפעלאו, ניו יארק סיטי, ראטשעסטער, סירעקיוס און יאנקערס — זיך דורכצורעדן איבער די השפעה פון דעם פסק און די פּאָליסי אפציעס וואס מיר נעמען אין באטראכט. מעיארס זענען אויף די פארנט ליניעס פון דעם קאמף קעגן רעוואלווער געוואלד-פארברעכנס, און זיי זענען קריטיש-וויכטיגע צוזאמארבעטער אין אונזער ארבעט צו האלטן ניו יארקער אפגעהיטן. מיר ווען ווייטער בלייבן אין נאענטע פארבינדונג כדי צו פארזיכערן אז אונזער אפרוף איז סטראטעגיש און פאראייניגט.

מיין טיעם האט זיך שוין געגרייט אויף דעם פסק און זוכן אויס יעדעס מעגליכע שריט, און מיר פירן אן דיסקוסיעס מיט דער לעגיסלאטור איבער אונזערע לעגיסלאטיווע אפציעס. מיר זענען נישט מאכטלאז, און מיר ווען טון אלצדינג אין אונזער יכולת צו באשיצן ניו יארקער.״

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418